א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת חיי שרה

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### כל מאן דעביד רחמנא לטב עביד

"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" (כד א)

רבי יוסף נחמיה קארניצער, דער רב פון קראקא האט אזוי געטייטשט:

מענטשן זענען געוואוינט זיך אפצורעדן אן קיין אויפהער אויף פראבלעמען און שוועריקייטן וואס זיי פארמעסטן זיך אין לויף פון זייער לעבן, און נאר אויף דער עלטער ווען זיי גייען אריבער אויף אלעס וואס עס איז אדורך אין זייערע יונגע יארן זעהן זיי איין אז יעדע געשעהניש איז געווען לטובה.

און דאס איז דער פסוק מרמז דא: "וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים" - נאר ווען דער מענטש קומט אן איז די עלטערע יארן, דעמאלטס פארשטייט ער אז "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" - יעדע געשעהניש וואס איז אריבער אויף אים איז געווען לטובה.

אויף דעם וועג האט רבי יוסף נחמיה ערקלערט די נוסח פון די ברכה אחריתא פון די 'שבע ברכות' וואס מ'זאגט ביי א חתונה: "קול מצהלות חתנים מחופתם"; מיר וואונטשן זיי אן אז שוין 'מחופתם' - פון אנהויב זייער לעבן זאל די פאר-פאלק איינערקענען די גוט'ס וואס נעמט זיי ארום, און זיי זאלן נישט זיין פון די וואס אין זייערע יונגע יארן פילן זיי שוועריקייטן און נאר אויף דער עלטער זעהן זיי איין אז אלעס איז געווען לטובתם.

'דרשות רבינו יוסף נחמיה' עמ' תג

### לויבן אויך אויף 'קליינע' הצלחות

"וַיִּקֹּד הָאִישׁ וַיִּשְׁתַּחוּ לַה'" (כד כו)

א שטארקע מוסר השכל האט הגה"ח **רבי יהושע העשיל ברים** דער ראש ישיבה פון 'תפארת ישראל' רוזשין ארויס געלערנט פון די הודאה פון אליעזר:

אמאל וויל א מענטש אנקומען צו א געוויסע ציל, און כדי ער זאל אנקומען צו דעם, דארף ער פריער אריבער גיין מיט הצלחה עטליכע קלענערע זאכן, אבער ווען ער איז אין ענדע זוכה צו די הצלחה לויבט ער מיט זיין גאנצע הארץ 'נאר' אויף דעם. אבער פון אליעזר עבד אברהם לערנען מיר אז מ'טאר נישט פארגעסן צו לויבן אויך אויף די 'קליינע' הצלחות וואס מ'האט אויפן וועג ביז מ'קומט אן צו די גרויסע וואונטש.

אויך דא האט אליעזר זיך געקענט נישט וויסנדיג מאכן פון די 'קליינע' הצלחה וואס ער האט געהאט מיט דעם אליין וואס ער האט זיך געטראפן מיט רבקה, ווייל ער האט דאך נאכנישט געוואוסט צי זי וועט מסכים זיין צו גיין צוזאמען מיט אים צו יצחק, און פון דעסוועגן האט ער זיך אפגעשטעלט צו לויבן ספעציעל אויף די הצלחה.

'מרבה חיים' ח"א עמ' קכג

### א תפילה מיט כוונה ווערט אנגענומען

"אֲנִי טֶרֶם אֲכַלֶּה לְדַבֵּר אֶל לִבִּי" (כד מה)

ערקלערט דער גאון רבי זלמן סאראצקין:

אליעזר האט געזאגט פאר בתואל און פאר לבן: ווייל איך האב געדאוונט 'אל לבי' - מיט כוונת הלב, בין איך זיכער ביי מיר אז מיין זיך טרעפן מיט רבקה ביים קוואל וואסער איז געווען צוליב דעם, און זי איז טאקע די באשערטע כלה פאר מיין האר יצחק, ווייל ס'איז דאך א קלארער כלל אז א תפילה וואס ווערט געזאגט מיט כוונה ווערט זיכער אנגענומען.

'אזנים לתורה'

### יצחק האט מתקן געווען תפילת מנחה

"וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" (כד סג)

פון דעם פסוק דרש'ענען די חכמים זכרונם לברכה (ברכות כו ב) אז יצחק אבינו האט מתקן געווען תפלת מנחה, ווייל 'אין שיחה אלא תפילה' אזוי ווי עס שטייט (תהילים קב א) "וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ".

האט רבי יהודה החסיד צוגעלייגט אויף דעם א רמז: "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" איז גימטריה: 'שתיקן תפלה של מנחה'.

'ספר גימטריאות'

### א סגולה אויף א ריכטיגן זיווג

"הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי מִשָּׁם" (כד ד)

די ראשי תיבות "הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ וְלָקַחְתָּ" באטרעפט צ"א אזוי ווי דער צאל פון אמן, פון דא זעהן מיר אז מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, איז א סגולה זוכה צו זיין צו א פאסיגן זיווג (און דאס זעלבע: 'זיוג הגון' איז בגימטריה 'אמן').

און מ'קען צולייגן דערויף: אין תהלים (קכא א) שטייט: "אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי" - 'ההרים מאין יבא' - איז סופי תיבות 'אמן'; אין זכות פון 'אמן' וועט 'יבוא עזרי' - די פרוי וואס אויף איר איז געזאגט געווארן "עזר כנגדו".

רבי אברהם קעסלער בעל 'נוטרי אמן', קונטרס 'מה' יצא הדבר' עמ' 321
'שמחה בלבי' תהילים קכא א

### די צייטן פון די תפילות זענען מרומז אין די נעמען פון די אבות

עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן (ברכות כו ב) אז די תפילות האבן די אבות מתקן געווען; אברהם האט מתקן געווען שחרית, יצחק האט מתקן מנחה און יעקב האט מתקן געווען מעריב.

שרייבט דער 'אבודרהם' (תיקון התפילות ועניניהם): אין די צווייטע אות פון די נעמען פון די אבות איז מרומז די צייט פון די תפילה וואס ער האט מתקן געווען: 'אברהם' - בוקר, 'יצחק' - צהרים, און 'יעקב' - ערב.

אויף דעם וועג ברענגט דער גאון רבי שאול משה זילבערמאן פון ווארשאוו אין נאמען פונעם 'חידושי הרי"מ' אז די תפילה פון 'ותיקין' האט לוט מתקן געווען, ווי די צווייטע אות אין זיין נאמען איז א ו' - 'ותיקין', און עס קען זיין אז די זכות איז אים בייגעשטאנען ער זאל געראטעוועט ווערן אין די צייט, אזוי ווי עס שטייט (לעיל יט כג): "הַשֶּׁמֶשׁ יָצָא עַל הָאָרֶץ וְלוֹט בָּא צֹעֲרָה".

הגהות הגריש"מ בראש ספר 'פרדס יוסף' ח"ב

### ברייתא דרבי ישמעאל

"וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל בָּנָיו" (כה ט)

ווען דער רבי ר' העשיל פון קראקא איז אנגעקומען צו די יארן פון שידוכים, האבן מען אים אנגעטראגן א טאכטער פון א גרויסן און באקאנטן גביר. כדי זיך איבערצייגן אין די מעלות פונעם חתן האט דער גביר זיך געטראפן מיט אים אין א קליינער האטעל וואס איז געווען אינמיטן וועג, און וויבאלד דארט איז נישט געווען קיין שום ספר אויסער א אלטע אפגעריבענע סידור, האט דער גביר געוויזן אויף דעם 'ברייתא דרבי ישמעאל' ווען ער פרעגט פארן יונגן בחור'ל: 'האסט עפעס א חידוש אויף די ברייתא?'

האט רבי העשיל זיך פארטראכט אויף א קורצע ווײלע, און האט באלד אנגעהויבן צו זאגן זיין פלפול: 'דריי קשיות האב איך אין די ברייתא; די ערשטע - וויאזוי קען זיין אז דער הייליגער תנא האט געהייסן אזוי ווי א רשע? די צווייטע - פארוואס הייבט זיך די ברייתא מיט די ווערטער 'רבי ישמעאל אומר', ווי עס זעהט אויס אז עפעס א תנא קריגט זיך מיט אים, און די דריטע קשיא - איז מיר שווער אויף די מדות 'כלל ופרט' און 'פרט וכלל', וויאזוי קען מען דרש'ענען א הלכה פון דעם וואס די תורה האט געשריבן די כלל פאר די פרט צי פארקערט, מיר האבן דאך דעם כלל (פסחים ו ב) 'אין מוקדם ומאוחר בתורה'?

נאר, אין מסכת בבא בתרא (טז ב) האבן די חכמים געברענגט א ראיה פון דעם פסוק אז ישמעאל האט אין סוף פון זיין לעבן תשובה געטוהן, ווייל אויב נישט ווי אזוי האט ער געלאזט פאר יצחק זיין יונגערער ברודער גיין פריער ביי די לויה פון זייער פאטער, נאר מוז זיין אז נאך וואס ער האט תשובה געטוהן האט ער איינערקענט אין די גרויסקייט פון יצחק, וועגן דעם האט ער אים מכבד געווען ער זאל גיין פאר אים. אבער לכאורה קען מען דא אויך פרעגן, וויאזוי לערנט מען דאס ארויס פון די סדר פון די נעמען, מיר זאגן דאך 'אין מוקדם ומאוחר בתורה'? נאר מוז מען צוקומען אז נאר ביי צוויי ענינים זאגט מען אין מוקדם ומאוחר בתורה, אבער אין אין איין ענין איז יא אלעס געשריבן לויטן סדר.

מיט די גמרא וועט פארענטפערט ווערן די דריי קשיות אויפאמאל: מ'מעג יא געבן א נאמען 'ישמעאל' ווייל ער האט דאך תשובה געטוהן, און מ'קען אויך דרש'ענען די מדה פון 'כלל ופרט', ווייל אין די זעלבע ענין איז נישט פארהאן די כלל פון 'אין מוקדם ומאוחר בתורה' און דאס אלעס 'רבי ישמעאל אומר' - לערנען מיר פון דעם נאמען פון 'רבי ישמעאל'..

'חנוכת התורה', 'קונטרס אחרון' שבסוף הספר




## רפאנו ה' ונרפא

אמירת ברכת 'אשר יצר' בכוונה ומתוך הכתב נודעה כסגולה נפלאה לישועה ולרפואה, ובספר 'סדר היום' (כוונת הברכות) הובא כי סגולה זו מועילה אף לבריאים שלא יחלו חלילה. ואם כה גדולה היא סגולת הברכה, על אחת כמה וכמה גדולה סגולת עניית אמן אחריה, שהרי אמרו חכמים (ברכות נג א): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

יהודי יקר!

בבואך לברך 'אשר יצר' הקפד תמיד שמישהו יענה אחריך אמן, כך תזכה ותְזַכה עמך אחרים, ותמשוך עליך ישועה, רפואה והצלחה לאורך ימים ושנים. אמן.

בני אמונים. אמן ענית לישועות זכית.

# תענה אמונים

## א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## די מעלה און די סגולה פון די ברכה 'אשר יצר'

עטליכע מאל יעדן טאג זענען מיר זוכה צו לויבן דעם אויבערשטן ביי די ברכה פון 'אשר יצר' אויף דעם גרויסן נס וואס ליגט אין די ארבעט פון די סיסטעם פון אונזער קערפער - וואס איז אינגאנצן געמאכט 'נקבים נקבים... שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד...', און נאר דורך די חסדים פון השי"ת וואס גיט אכטונג אונזער 'רוח' אין אונז, קענען מיר לעבן און שטיין פאר אים.

צוליב דעם האבן מיר באשלאסן זיך אפשטעלן פון די ארטיקלען וואס מיר שרייבן אויף די ערקלערונגען לויט די סדר התפילה, און מיר וועלן שרייבן א ארטיקל וואס וועט ארום רעדן איבער די חשיבות און די מעלה פון די ברכה, און אין איר סגולה וואס איז באקאנט אויף רפואות און ישועות. ויהי רצון אז די ווערטער זאלן זיין לזכות און לרפואת אלע חולי ישראל.

### דער גרעסטער נס קומט פאר אין אונז

מיט די ווארט 'נס' זענען מיר געוואוינט בדרך כלל ארויס צוברענגען אונזער איבערראשונג פון אום-נאטורליכע געשעהענישן וואס פאסירן ארום אונז פון מאל צו מאל, אבער אויב מיר וועלן זיך אפשטעלן און מיר וועלן אריינטראכטן אין דעם וואונדערליכן סיסטעם וואס ווערט אפגעטוהן אין אונזער קערפער יעדע מינוט, וועלן מיר ריכטיג פארשטיין אז דער גרעסטער נס קומט פאר אין אונז, נישט פון מאל צו מאל, נאר אין יעדע צייט און אין יעדע שעה. אין אונזער קערפער פירט זיך גאר א קאמפלעצירטער סיסטעם וואס אפילו אויב עס וואלט חלילה געשעהן נאר די קלענסטע ענדערונג וואס קען נאר זיין, קען עס צו ברענגען צו א געפערליכער אומגליק רחמנא ליצלן.

איבערהויפט אין עס געזאגט געווארן ווען מיר רעדן אויף דעם סיסטעם פון 'פארדייען די עסן'; דער מענטש נעמט אריין אין מויל אלע ערליי עסן, ער קייט עס און שלינגט עס אראפ, און פון דא און ווייטער ארבעט א 'אטאמאטישע' סיסטעם וואס טוהט אפטיילן די אלע חלקים פון די עסן, אוועק שטופן די שמוץ, איבער זייען די רינעדיגע, איבערדרייען די וויכטיגע טיילן אויף די גאר קליינע פיצלעך וואס קען פארשטארקן די סיסטעם פון די בלוט, די ביינער און די אדערן, און אין ענדע איבער זייען און אויסארבעטן די מיסט און עס ארויסשטופן אויף אינדרויסן פון דער קערפער. צו וויפיל חסדים דארפן מיר צוקומען אז די גוטע טיילן פון די עסן זאל זיך איינזאפן און זאלן נישט ארויסגעשטויסן ווערן אויף אינדרויסן, און פארקערט - אז אויך א קליין פיצל חלק פון די שמוץ זאל נישט אינפעקשן די סיסטעם פון דער קערפער.

דער אויבישטער מיט זיין גרויסע רחמנות איז 'מפליא לעשות' מיט זיין חכמה, און זארגט זיך אויף יעדן מענטש יעדע מינוט כדי אז עס זאל חלילה נישט פאסירן קיין דורכפאל אין די סיסטעם פון זיין קערפער.

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין איז געווען געוואוינט אנצייכענען מיט איבערראשונג פאר זיינע צוהערהער; 'טראכט אריין, יעדע מאשין, אויך די גאר פשוט'סטע, ווערט צובראכן פון צייט צו צייט, און דער קערפער ארבעט אויף זיין שטייגער אין לויף פון צענהלדיגער יארן, פיר און צוואנציג שעה יעדן טאג אן קיין אויפהער אן עס זאל עפעס שלעכט'ס פאסירן... אויף וואס אויב נישט אויף דעם האט איוב געזאגט (יט כו): "וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹ-הַּ" - דער נס איז דאך נישט ווייניגער פון דער נס פון יציאת מצרים!' ('תפילת חנה' עמ' סו).

אין שו"ת 'מן השמים' (סי' לד) פרעגט רבי יעקב מַמַארְוִויש פון די בעלי התוספות: אויב מ'דארף זאגן 'אשר יצר' יעדע מאל נאך ווען מ'גייט ארויס, אדער עס איז גענוג צו זאגן איינמאל אינדערפריה?, האט מען אים געענטפערט פון הימל: "דו ווייסט דאך אז 'ארבעה צריכים להודות' (די ברכה פון 'הגומל', ראה ברכות נד ב), און א 'חולה' איז איינס פון זיי, און עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערער חולה פון דעם, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נא יד): 'מִהַר צֹעֶה לְהִפָּתֵחַ וְלֹא יָמוּת'".

לייגט צו דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין: יעדער מענטש קען זיך אפלערנען פון די ענטפער, אז די ברכה 'אשר יצר' דארף מען זאגן מיט א אינערליכער געפיהל און מיט הארץ, נישט ווייניגער פון די ברכה 'הגומל' (מתוך דבריו בהקדמה לספר 'ברכת איתן').

### לויבן אויף די חסדים פון השי"ת

כדי מיר זאלן זיך קענען מתבונן זיין אין דעם און לויבן ווי עס דארף צו זיין אויף די חסדים, האבן חז"ל מתקן געווען (ברכות ס ב) צו זאגן די ברכה 'אשר יצר' יעדע מאל ווען דער מענטש דארף ארויס גיין אין בית הכסא, אין די צייט וואס עס ווערט אים קלאר פאר די אויגן דעם גרויסן נס וואס איז פארבינדן מיט דעם ריכטיגן ארבעט'ס סיסטעם פון דער קערפער, דאס איז דער פאסיגסטער צייט צו לויבן אויף דעם.

דער משגיח דער צדיק רבי ירוחם הלוי פון מיר האט עס צוגעגלעכנט צו א מענטש וואס האט געדארפט אריבער גיין א שווערע אפעראציע אויף זיינע קישקעס; עס איז דאך פשוט און קלאר אז באלד נאכן עס אריבערגיין וועט ער שיקן א טעלעגראם צו זיינע באקאנטע וואס זארגן זיך אויף אים זיי צו דערציילן אז די אפעראציע איז געלונגען. דאס זעלבע וואלט דער מענטש געדארפט שיקן אזעלכע עטליכע טעלעגראמען יעדן טאג, און פון אונז בעהט מען נישט נאר מיר זאלן לויבן אויף דעם מיט א ערנסקייט און מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין ('תפילת חנה' שם).

### א ברכה אויפן עצם לעבן

הגרש"ד פינקוס זאגט: אויב מיר וועלן אריינטראכטן אין דעם נוסח הברכה וועלן מיר באמערקן אז עס ענדיגט זיך נישט מיט א בקשה אויפן עתיד אזוי ווי די ברכות פון שמונה עשרה א.ד.ג., נאר עס ענדיגט זיך מיט א אויסרוף: "גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך!"

עס זעהט אויס ווי קינד וואס בעהט פון זיין טאטע א נישט וויכטיגע זאך, ער וויל א ביציק'ל כדי צו קענען פארן, צי א שפיל צו אנפילן זיין ליידיגע צייט א.ד.ג., דעמאלטס קען אים זיין טאטע אוועק שטופן מיט פארשידענע אויסרייד. אבער אויב דער קינד דארף א רפואה וואס ראטעוועט אים זיין לעבן, און ער שרייט צו זיין טאטע: 'טאטי, אויב דו געבסט מיר נישט די רפואה - וועל איך שטארבן!', קען דען דער טאטע זיך נישט וויסנדיג מאכן פון זיין געבעהט?!

אזוי איז אויך לענינינו: ביי אלע אנדערע ברכות, למשל אזוי ווי 'חונן הדעת', קענען מיר נישט זאגן: 'רבונו של עולם, געב מיר פארשטאנד ווייל אויב נישט וועל איך שטארבן!', אבער ביי די ברכה; נאך וואס מיר האבן קלאר געזאגט דעם נס פון אונזער לעבן, דארפן מיר שוין נישט מער בעהטן, ס'איז גענוג מיר זאלן זאגן: 'גלוי וידוע שאם יפתח... אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך', כדי צו ערוועקן די רחמים פון אבינו שבשמים אז ער זאל אונז ווייטער שענקען די מתנה פון לעבן ('ברכת איתן' עמ' 74).

### לפני כסא כבודך

אויף א ספעציעלע פונקט ערוועגט רבי יעקב דב מארמארשטיין, דער נשיא פון 'בני אמונים': אויב מיר וועלן אריינטראכטן אין די נוסח פון די ברכה טרעפן מיר דא אזא לשון וואס מיר זענען נישט געוואוינט צו זאגן ביי א אנדערע ברכה צי תפילה: "גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם... אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך". און מיר דארפן אריינטראכטן: שוין אין די ערשטע מינוטן פון טאג, אינמיטן די ברכות השחר, דערמאנען מיר דעם ספעציעלן פארבינדונג וואס איז פארהאן צווישן אונז מיטן אויבערשטן, א פארבינדונג וואס ווערט ארויס געברענגט דורך יעדע איינציגע גליד פון אונזערע גלידער וואס עס ווערט מושגח א גאנצע צייט דורך דעם אויבערשטן וואס ער איז אויבן, אין זיין 'כסא כבודך' (ראה הגהת הרמ"א או"ח ו א).

קומט אויס אז די ברכות השחר וואס מיט דעם לויבן מיר אויף די גוט'ס וואס דער אויבישטער טוהט מיט אונז יעדן טאג, איז דער יסוד אויף דעם שטארקן קשר צווישן אונז מיטן אויבערשן, א קשר וואס קומט אן ביז צו די 'כסא כבודך'. וועגן דעם דארפן מיר זאגן די ברכות מושלם'דיגערהייט, מיט א קלארע קוק אז מיר קענען אינגאנצן נישט אנגיין, איין מינוט אויך נישט, אן מיר זאלן דארפן צוקומען צו די חסדים פונעם אויבערשטן, און דאס קען מען מחזק זיין דורכן אכטונג געבן צו ענטפערן אמן נאך זיי, וואס דאס איז א שטארקע אויסרוף אז מיר זענען שטארק אין אונזער אמונה.

# מעשה אמונים

## א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די תפילין וואס זענען צוריק געברענגט געווארן פון די מיסט

זומער תדש"ם. 'קענעדי' לופט-פעלד ניו יורק. ר' יקותיאל קוקט זיך ארום מיט א גרויסע פארלעגנהייט, דאס איז געווען זיין ערשטע מאל וואס ער איז ארויס קיין חוץ לארץ, ער האט עס געטוהן צוליב א שליחות פון א דבר מצוה, און יעצט, אן צו קענען איין ווארט אין ענגליש, שטייט ער פארקלעמט אינמיטן דעם רוישיגן לופט-פעלד. עימיצער האט אים געדארפט אפווארטן אין לופט-פעלד - ער איז געווען זיכער מיט דעם, אבער די צייט האט זיך גערוקט און דער מענטש האט פארשפעטיגט צו קומען. ער האט געטראכט צו נעמען א טעקסי צו זיין אכסניא, אבער אן צו קענען ענגליש איז אים שווער געווען זיך צו קענען א עצה געבן. טראכטנדיג וואס צוטוהן איז פלוצלינג אנגעקומען א פארגרעבטער גוי וואס האט אויסגעזעהן ווי א טעקסי דרייווער, און ווען ער האט באמערקט דעם ר' יקותיאל האט ער זיך שנעל דערנענטערט צו אים און האט אים אנגעהויבן צו באגיסן מיט אסאך שאלות ווען ער פארשטייט נישט קיין איין ווארט ענגליש. ר' יקותיאל פון זיין זייט האט אים פראבירט צו ערקלערן מיט זיינע הענט אז ער פארשטייט נישט וואס איז דער טומל, אבער דער גוי האט ווייטער פארגעזעצט מיט זיינ'ס, ביז פלוצלינג האט ער פארלוירן זיין געדולד און איז פארהוילן געווארן פונקט ווי ער איז אנגעקומען...

נישט האבנדיג קיין אנדערער ברירה האט ר' יקותיאל באשלאסן ארויסגיין פונעם טערמינאל, אינדרויסן וועט אים זיכער גרינגער זיין צו טרעפן א טעקסי - האט ער געטראכט צו זיך, אבער ווען ער האט זיך אראפגעבויגן צו זיינע רענצלעך איז ארויסגעקומען פון זיין מויל א ציטער-געשריי; זיין האנט-טאש איז אים נעלם געווארן ווי די ערד וואלט עס איינגעשלינגען. ער האט פראבירט זיך ארום קוקן אבער ער האט זיך זייער שנעל מייאש געווען. יעצט האט ער פארשטאנען וואס יענער מאדנער 'טעקסי דרייווער' האט געוואלט פון אים..., אין איין מינוט איז ער אריינגעפאלן א קרבן ביי א גריבענער גנב. אן צו ווערן איז ארויסגעקומען א טרער פון זיין אויג, ער האט גוט געוואוסט פארוואס; אין דעם טאשקע האט ער אריינגעלייגט זיינע טייערע תפילין, רש"י'ס תפילין און רבינו תם'ס תפילין, וואס איינער פון די זקני הדור האט עס געשריבן, א ערליכער סופר און א ירא שמים. ווי שווער איז אים אנגעקומען און ווי שטארק האט ער זיך געפלאגט ביז עס איז אים געלונגען עס צו האבן, און יעצט... פון וואו וועט האבן נאך אזעלכע תפילין?!

אינצווישן די אלע גוים וואס זענען געווען ארום אים האט ער זיך געשפירט עלנד און איינזאם, ער האט אינגאנצן נישט געהאט קיין באגריף וואס דארף ער טוהן אין אזא פאל. זיין מויל האט אנגעהויבן צו מורמלען א שטילע תפילה, און פלוצלינג ווי פון הימל איז אנגעקומען דער מלאך המושיע:

א פרומער איד, וואס האט אויסגעזעהן א פארמעגליכער און מכובד'יג, האט באמערקט דעם צובראכענעם און דערשראקענעם יונגערמאן, ער איז צוגעגאנגען צו אים און זיך אינטערעסירט איבער זיין זארג, און ווען ער האט געהערט וואס ס'האט מיט אים פאסירט, האט ער אים ערקלערט אז אזעלכע סארט גנבים זענען פארהאן אסאך אין ניו יורק. ער האט אים גע'עצה'עט ער זאל עס גיין דערציילן פאר די פאליציי דארט, אבער ער האט זיך נישט באגענוגט מיט זאגן אליין, מיט זיין ברייטע הארץ האט ער געפירט דעם יונגערמאן צו זיין אויטא וואס איז געשטאנען דא דערנעבן, ער האט אים געהאלפן אריינלייגן זיין רענצל אין באגאזש, און פון דארטן האט ער זיך ארום געדרייט מיט אים צווישן די ליידיגע אפיסעס. אין יעדע פלאץ וואו זיי האבן זיך געוואנדן האט די באאמטער געשאקלט מיט די קאפ, ס'איז נישטא קיין סאך שאנסן, האבן זיי אים געזאגט, ער האנדלט זיך פון גאר קלוגע און געריבענע גנבים. ר' יקותיאל האט זיך געשפירט אום איינגענעם, ער האט געוואוסט אז יענער דערלייגט צוליב אים טייערע ארבעט'ס שעות, אבער יענער האט גע'טענה'עט מיט א פעסטקייט אז זיי זענען מחוייב זיך צו משתדל זיין לויט וואס עס איז מעגליך. נאכן ענדיגן זיך ארום דרייען האט דער מענטש באשלאסן צו ענדיגן די מצוה; ער האט זיך אינטערעסירט וואו אהין דארף ר' יקותיאל אנקומען, און ווען ער האט געזאגט אז ער גייט איינשטיין אין פלעטבוש וואס איז אין ברוקלין, האט ער זיך געוואנדן אן צו קווענקלען אים צו פירן צו זיין אכסניא.

אין א שפעטע נאכט שעה איז ר' יקותיאל ארויס פון דעם אויטא פון דעם גוטן איד, נישט בעפאר ווען ער באדאנקט זיך פאר אים ווארעמערהייט. ווען ער האט נאכגעפרעגט איבער זיין נאמען איז ער איבערראשט געווארן אז דער איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער באקאנטער תומך תורה, הרב שרגא נייהוז זצ"ל.

מיט דעם האט ר' יקותיאל נישט געענדיגט די חלק פון לויבן און דאנקען, נאר ער האט זיך באלד געוואנדן צו א נאנטן שוהל צו דאווענען דארט מעריב, און ביי שמונה עשרה האט ער מיט טרערן געלויבט אויפן עבר און געבעהטן אויפן עתיד אז דער באשעפער זאל מאכן פאר אים א נס און אים העלפן טרעפן זיינע טייערע תפילין.

אין די קומענדיגע טעג האט ר' יקותיאל אריינגעלייגט זיינע כוחות אין תפילה, זיין פריינד דער גאסט-געבער האט אים געהאלפן צו האבן א פאר תפילין אויף בארג, און ער פון זיין זייט האט נישט אויפגעהערט פון צו דאווענען אז עס זאל פאסירן א נס און ער זאל זוכה זיין צו קענען לייגן ווייטער זיינע טייערע תפילין.

עטליכע טעג נאכדעם האט ר' יקותיאל געדארפט פארן קיין קווינס, דארט האט ער זיך געדארפט טרעפן מיט איינעם פון די דארטיגע רבנים. די באגעגעניש איז באשטימט געווארן אויף אנהייב טאג, גאר פריה, און כדי נישט צו דערלייגן קיין תפילה בציבור איז ר' יקותיאל ארויס פון זיין אכסניא גאר פריה וועט ער טראכט צו דאווענען אין קווינס. אנקומענדיג קיין קווינס איז ער געגאנגען צו דעם ארטיגן שוהל צו שחרית. נאכן דאווענען איז ער צוגעגאנגען צו איינעם און אים געבעהטן אז ער זאל אים פארבארגן זיינע רבינו תם'ס תפילין אויף עטליכע מינוט. דער מענטש האט זיך געפריידט אים צו העלפן. ווען ר' יקותיאל האט געענדיגט צוזאם לייגן די תפילין האט יענער זיך אינטערסירט אויף זיין נאמען און אויף זיינע איבערלעבענישן דא אין אמעריקא, און מיט דעם האבן זיי זיך געזעגנט.

אין די געציילטע טעג וואס זענען נאך איבערגעבליבן ביז זיין צוריק פארן, האט זיך ר' יקותיאל נאך מער מחזק געווען ביים דאווענען, ער האט נישט אויפגעהערט פון צו בעהטן מיט הייסע טרערן אויף דעם, אולי יחוס אולי ירחם.

צוויי טעג נאכדעם איז ר' יקותיאל איבערראשט געווארן ווען זיין גאסט-געבער האט אים געמאלדן אויף א טעלעפאון וואס ווארט אויף אים. דער מענטש פון די אנדערער זייט האט זיך פארגעשטעלט מיטן נאמען חיים ניישטאטער, און ר' יקותיאל האט זיך באלד דערמאנט אין דעם נאמען וואס איז געווען אויפגעשריבן אויף די רבינו תם'ס תפילין בייטל וואס ער האט געבארגט אין שוהל אין קווינס. 'האסט לעצטנ'ס אפשר געקויפט א שאפע ביי עפעס א סטאלעריי אין די 'בית ישראל' געגנט אין ירושלים?' - האט ר' חיים זיך אינטערעסירט, און ר' יקותיאל וואס איז אינגאנצן איבערראשט געווארן פון די פראגע האט שנעל געענטפערט 'יא'. 'נעם שנעל א טעקסי און פאר קיין קווינס, דיינע תפילין זענען געטראפן געווארן' - האט אים ר' חיים דערציילט און האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאון.

צוטומלט און אינגאנצן גערירט האט זיך ר' יקותיאל געאיילט צו פארן קיין קווינס, דארט האט אים ר' חיים שוין אפגעווארט אומגעדולדיג. באלד ווען ער איז אנגעקומען האט אים ר' חיים אריינגענומען צו זיין אויטא און האט אנגעהויבן צו פארן. נאך עטליכע מינוט האט זיך די מאשין אפגעשטעלט נעבן א שיינע הויז. די טיר האט זיך אויפגעמאכט דורך א איד מיט א פריינדליכן פנים, וואס האט זיי אריינגערופן צו זיך אין הויז און זיי פארבעהטן זיי זאלן זיך אראפזעצן נעבן טיש און האט אנגעהויבן צו דערציילן:

'דעם לעצטן זונטאג, האט איך באשלאסן אויסנוצן דעם טאג וואס איך ארבעט נישט צו פארברענגען מיט מיינע קינדער אין דעם גרויסן פארק נעבן קווינס. מיר האבן זיך אויפגעהאלטן אין פארק ביז עס איז געווארן טונקל, און ווען מיר האבן געענדיגט האבן מיר זיך געוואנדן אריינווארפן די שמוץ אין דעם גרויסן מיסט-קאסטן וואס געפינט זיך אין עק פארק.

אין האב אריינגעווארפן די שמוץ און איך האב געוואלט אוועק גיין פון דארט, אבער פלוצלינג האבן מיינע אויגן אויפגעכאפט א מאדנע זאך וואס האט ארויסגעשטעקט פון דעם אנגעפילטן מיסט-קאסטן. איך האב זיך צוריק דערנענטערט און איך בין איבערראשט געווארן צו זעהן אין די טיפענישן א רויטע שיידעלע פון תפילין. ווען איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צו נעמען דעם קעסטל בין איך דאפלט איבערראשט געווארן ווען איך האב באמערקט א עק פון א שווארצע רצועה וואס האט זיך ארויסגעשטעקט פון די טיפענישן.

איך האב זיך געשטארקט אויף די אום-איינגענעמקייט און איך האב אנגעהויבן צו זוכן אין די טיפענישן פון די מיסט-קאסטן, ביז איך האב מיט שוידער באמערקט נאך א רויטע קעסטעלע, און נאך א קעסטעלע, און נאך א שטיק צייט האב איך שוין געהאט אין מיינע הענט צוויי פערטיגע תפילין, מיט א סאמעטענעם בייטל אן קיין שום צייכן פאר וועמען עס געהערט.

זיינעדיג אין שטוב האב איך גענומען די תפילין און עס גערייניגט און עס שיין צוזאם געלייגט, דעמאלטס האב איך באמערקט אין די בייטל דעם רעכענונג (רעסיט) פון דעם סטאלעריי. איך האב נאכנישט געהאט ביי מיר קיין שום וועג צו טראכטן וויאזוי איך קען געוואר ווערן ווען עס איז זייער בעל הבית. איך האב באשלאסן מיט נעמען די תפילין אין דעם דערנעבנדיגן שוהל און זיך אינטערעסירן צווישן די מתפללים.

נאך בעפאר איך האב געענדיגט צו דערציילן איז שוין ר' חיים אויפגעשפרינגען מיט התרגשות, און האט דערציילט אז מיט עטליכע טעג צוריק האט ער געטראפן א ארץ ישראל'דיגן איד וואס זיינע תפילין זענען גע'גנב'עט געווארן פון אים אין לופט-פעלד. ער האט צוגעלייגט אז אן צו וויסן וועגן וואס האט ער באשלאסן אים צו פרעגן וויאזוי ער הייסט און וואו איז זיין אכסניא, און פון דארט און ווייטער איז שוין געווען גרינג דיך צו טרעפן.

אזוי רעדנדיג האט דער מענטש דערלאנגט פאר ר' יקותיאל די תפילין, ר' יקותיאל האט נישט געקענט אינהאלטן זיין געפילישן געוויין, ער האט ארום גענומען די תפילין מיט זיינע צוויי הענט און ער איז איבערגעגאנגען אין זיין מח די קייט פון די ניסים וואס זענען אריבער אויף זיי אין דעם לעצטן וואך. ער האט נישט פארשטאנען פארוואס האט דער גנב באשלאסן אוועק צו ווארפן די תפילין פונקט אין דעם פארווארפענעם מיסט-קאסטן אין די עק פארק פון קווינס, ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס האבן די ארבעטער פון די שטאט-ראט נישט גערייניג די מיסט אין לויף פון די גאנצע וואך ביז מ'האט געטראפן די תפילין.

פאר זיך האט ער געקענט טראכטן: וואס וואלט געווען ווען ער איילט זיך נישט צו צו קענען אניאגן צו דאווענען שחרית אין קווינס, און וואס וואלט געווען אויב ער וואלט נישט מקפיד געווען צו לייגן רבינו תם'ס תפילין כאטש ס'איז אים אום-איינגענעם געווען צו בעהטן פון פרעמדע. די תפילין וואלטן ווען בחסדי שמים געטראפן געווארן און זיי וואלטן געראטעוועט געווארן פון א בזיון, אבער ער וואלט ווען צוריק קיין ארץ ישראל אן זיי.

ווי גרויס איז דער כח פון תפילה.

'נצוצי אש' עמ' תשצח

shay עיצובים